בס"ד

פר' ויקה"פ
שנה ב'

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל




כל הזכויות שמורות

## די הארץ פון כלל ישראל

### דער מיטלפונקט פון ספר שמות

**מען** ענדיגט שוין דעם ספר שמות, און מיר באגעגענען א מאדנע ערשיינונג. מען האט אנגעהויבן דעם ספר לערנענדיג איבער דעם שיעבוד מצרים, ווי אזוי אונזערע אור־עלטערן זענען געווען משעובד פאר אזויפיל יאר אין געפענגעניש, און הקדוש ברוך הוא האט זיך באוויזן צו משה רבינו און אים געשיקט ארויסצונעמען כלל־ישראל.

אז די גאנצע מעשה פון משה איז אין דעם ספר, דאס פארשטייען מיר. עס באלאנגט דארט. ס'איז א וויכטיגער חלק פון דער געשיכטע וואס איז פארגעקומען מיט אונזערע אור־עלטערן.

דערנאך איז פארגעקומען יציאת מצרים, אויך א וויכטיגער חלק פון אונזער היסטאריע. די אויסלייזונג פון מצרים איז דער פונדאמענט פון כל התורה כולו. דער דעת השם וואס מיר האבן קונה געווען דורך מיטהאלטן די מכות, דאס איז וואס האט אונז געמאכט לייט פון הקדוש ברוך הוא. יעדער פרט איז וויכטיג. א ברייטער פלאץ איז געווידמעט פאר די געוואלדיגע געשעענישן.

דערנאך גייען מיר ווייטער מיט דער געשיכטע, און מיר קומען אן צו מתן תורה. הו הא! דער גרעסטע טאג אין דער היסטאריע איז געווען ווען דער אויבערשטער האט גערעדט צו אונז, זיין פאלק, און אונז געגעבן די תורה.

די געוואלדיגע געשעעניש איז זיכער וויכטיג. ס'באלאנגט זיכער דא, און אלע דינים וואס מיר האבן געלערנט אין משפטים, באלאנגען אויך דא. מיר זענען דאך געזעץ־מענטשן. אלע הלכות וואס זענען דער יסוד פון בבא קמא, בבא מציעא, די הלכות פון פסח, שבת, און אלעס אינצווישן, זענען זייער וויכטיג.

### אסאך פלאץ פאר א קליינעם בנין

**דערנאך** קומט פאר עפעס אויסערארדנטליך. ווי נאר מתן תורה ענדיגט זיך, הייבט מען גלייך אן מיט'ן משכן. ס'איז מערקווירדיג צו זען וויפיל פלאץ איז געווידמעט צו די פרטים פונעם בנין המשכן און אירע כלים! ס'איז אין פרשת תרומה, תצוה, און א חלק פון כי־תשא, און ויקהל פקודי אויך.

מיר זענען איבערראשט צו זען וויפיל פלאץ איז געגעבן געווארן דערפאר. די פרטים פון דעם משכן נעמט אויף מער פלאץ ווי סיי וועלכער ענין אין דער תורה, און מען מאכט א גרויסן מצב דערפון. עס גייט נישט אריבער אזוי שנעל. דער בעל־קורא דארף עס חזר'ן פאר ער קען עס ליינען, ער זאל נישט מאכן קיין שום גרייז ביי די שווערע ווערטער וואס ער וועט דארפן ליינען.

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

ויקרא, מיט די אלע שווערע ווערטער פון די קרבנות, האנדעלט מען כאטש מיט פרטים וועלכע זענען נוגע פאר שטענדיג. אבער דער משכן? עפעס וואס וועט אנהאלטן נאר פערציג יאר? השי״ת וואלט אפשר געקענט זאגן, ״מאך פאר מיר א משכן, א הויז פאר מיר צו רוען צווישן ענק. איך וועל איבערלאזן אויף ענק מחליט צו זיין וויפיל קנעפלעך איר זאלט לייגן אויף דער מנורה.״

אבער גארנישט איז איבערגעלאזט אויף זיי מחליט צו זיין. יעדער קלענסטער פרט איז אויסגערעכנט געווארן דורך השי״ת, ווי אזוי צו מאכן די פירהאנגען, די שטאנגען, ווי אזוי צו מאכן דעם דורכגאנג, און דאס האט זיך געפאדערט אסאך ממחיות און מייסטערשאפט.

עס האט געפאדערט צייט און גרויסע הצעות, און נאכדעם וואס די אלע פרטים זענען פארלאנגט געווארן, הייבט זיך עס אן ווידער פון אנהייב. די תורה הייבט אן אויסצורעכענען ווי אזוי זיי האבן עס געטון, ״זיי האבן דאס געטון און געהייסן טון אזוי...״ און די תורה איז מסביר די פרטים וואס זענען געטון געווארן.

עס איז א מערקווירדיג מעשה וואס קען זיך אפשר דאכטן אז ס׳איז איבערגעטריבן.

## דאס הארץ פון אונזער פאלק

**מיר** דארפן פארשטיין וואס דאס קומט אונז דא לערנען. ווען מען האט געגעבן פאר כלל־ישראל די מצוה פון אויפבויען דעם משכן, איז יעדער געווארן פארנומען צו געבן א האנט, מנדב זיין זייער געלט און צייט. ס׳איז געווען א נאציאנעלע אויסדריק פון עבודת השם, און מיר קענען זיך נישט פארשטעלן דעם רושם וואס עס האט געמאכט אויף די אידן.

דער גאנצער לאגער איז געווען אויף קעסל און כלים. פאקטיש איז מען דא פארנומען מיט׳ן דינען דעם אויבערשטן! אין יעדן געצעלט זענען מענטשן געווען פארנומען צו נייען, האקן מיט׳ן האמער, מנדב זיין וואס מען האט נאר געקענט צו העלפן בויען דעם הויז פון השי״ת, די וועבערס און סטאלערס, דער לעדער־עקספערט און די גאלד־שמידן, יעדער. מענער פרויען האבן געברענגט מאטעריאלן און זיך געיאגט צוזשטעלן די זאכן וואס האבן זיך אויסגעפעלט. ס׳איז געווען א גרויסע ארבעט.

און ענדליך, ווען דער משכן איז שוין געווען אויפגעשטעלט, איז עס געשטאנען פונקט אינמיטן, ארומגענומען פון אלע זייטן מיט די אידן. דער צענטער איז געווען דאס הויז פון השי״ת, וואס מיינט אז דאס איז דאס הארץ פון כלל־ישראל!

דאס איז א לימוד ווי וויכטיג דאס הויז פון השי״ת איז פאר כלל־ישראל. מיר זענען א פאלק וואס דינט דעם אויבערשטן. נישט אז מיר זענען א פאלק וואס האבן ״אויך״ פלעצער וואו מען דינט דעם באשעפער, נאר, עבודת השם, דאס איז וואס אונזער פאלק איז, און גארנישט מער! ארום דעם עבודת השם איז ווי אזוי מען שטעלט אויף די געצעלטן.

דער משכן איז דארט געשטאנען ווי א שטענדיגע דערמאנונג צו יעדן איד אין זיין פריוואטן געצעלט, גרויס אדער קליין, פענצי אדער פשוט, וואס איז זיין ציל פון זיין לעבן. דינען דעם באשעפער איז דאס הארץ וואו די אידן זענען געווען צאמגענומען.

## דער משכן שילה נעמט איבער

**דערפאר**, ווען יהושע האט אריינגעברענגט די אידן קיין ארץ־כנען און איבערגעפלאנצט דעם משכן אין

שילה, איז שילה געווארן דער צענטער פון די אידן. און אפילו די אידן זענען געווען אזוי צעשפרייט איבער דעם גאנצן לאנד, זיי האבן נישט געוואוינט נאנט אזוי ווי אין מדבר, אבער דער לימוד פון די פערציג יאר איז געווען אזוי איינגעווארצלט אין זייער מח, אז דער משכן שילה איז געווארן דער צענטער־פונקט פונעם פאלק. זיי האבן געוואנדערט צום משכן שילה זיך צו דערמאנען אז השי״ת וואוינט נאך נעבן זיי.

פארשטייט זיך אז עטליכע פרטים פון דער משכן זענען געטוישט געווארן, אבער דער משכן שילה איז אייביג געווען אן אנדענק פון דעם אריגינעלן משכן.

די ווענט זענען שוין געווען געמאכט פון שטיין, אבער די יריעות, די סחורה וואס מען האט גענוצט פאר׳ן דאך אין מדבר, איז נאכאלץ גענוצט געווארן, אזוי אויך איבערבלייבעניש פונעם אריגינעלן אוהל־מועד איז נאך דארט געווען.

דעריבער, ווען זיי פלעגן קומען דריי מאל א יאר צו שילה, איז עס געווען פאר זיי א ספעציעלע געלעגנהייט זיך צו דערמאנען פון זייער הערליכער פארגאנגענהייט. ווען איינער האט אנטיקן פון חשוב׳ע ירושה־ארטיקלען, קומט יעדער עס באקוקן און באטראכטן, איבערהויפט אויב עס זענען געווען זאכן וואס מען האט נאך געמאכט אין די צייטן פון משה רבינו.

ווען זיי זענען געקומען קיין שילה, האבן זיי געשפירט ווי זיי ווערן פאראייניגט מיט זייער פארגאנגעהייט פונעם מדבר. זיי האבן זיך דערמאנט פון די טעג ווען זיי פלעגן זיך אויפוועקן אינדערפרי און גיין שלאפן ביינאכט זעענדיג דעם משכן פאר די אויגן. און אפילו מען האט עס צונומען אין מדבר, אבער ווען זיי זענען אריין אין ארץ ישראל, האבן זיי עס נאך אלץ געדענקט.

פאר 369 יאר איז דער משכן שילה געשטאנען אינעם חלק פון אפרים. דאס איז א לאנגע צייט. און עס איז אייביג געווען דאס הארץ פון די אידן, דער פלאץ וואו כלל־ישראל איז געפארן צו שטאלצירן.

## דער גלאנץ גייט אראפ

**אבער** דער גלאנץ פון שילה איז נישט געבליבן אזוי אויף שטענדיג. כלל ישראל זענען אריבער פארשידענע תקופות ווען דאס פארן קיין משכן שילה איז נישט געווען אזוי ארויפגעקוקט. צומאל איז עס געווען צוליב אונטערדריקונג, און צומאל איז עס געווען צוליב דער שפע פון וואס די אידן האבן גענאסן, נישט קיין חילוק וואס. ס׳איז געווען א ירידה און דערנאך זענען שוין זאכן נישט געווען דאס זעלבע.

דאס איז וואס ס׳איז געשען אין די צייטן פון די שופטים. ווען כלל־ישראל האט נאך געהאלטן אינמיטן באפעסטיגן איר נייע הערשאפט אין ארץ־כנען, זענען זיי אפט געווען אונטער׳ן יאך פון די פלישתים וועלכער האבן געוואוינט ביים ברעג פונעם ים הגדול, דער מיטלענדישער ים. און זיי זענען געווען די הערשערס פון לאנד. די פלישתים האבן זיך נישט אנגעזעען איבער׳ן לאנד, אבער זיי זענען געווען דארט. זיי זענען שטענדיג געווען ביים הינטערגרונט, אנמאכנדיג צרות.

און צוליב דעם האבן מענטשן מורא געהאט צו רייזן איבער די הויפט וועגן. אפילו עולה רגל צו זיין האבן מענטשן זיך אפגעהאלטן צוליב דער סכנה פון ווערן באפאלן. דער פלישתי־קאמאנדיר פלעגט צומאל פארכאפן מענטשן אן קיין שום סיבה. א צווייפלהאפטיגער תירוץ איז געווארן פאבריצירט, און די מענטשן זענען אריינגעשליידערט געווארן אין תפיסה, אדער זענען זייערע פארמעגנס געווארן צוגענומען. דערפאר קען מען פארשטיין פארוואס מענטשן האבן מורא געהאט ארומצורייזן.

יעדער געדענקט די מעשה פון דבורה הנביא ווען זי האט געזונגען, חָדְלוּ אֳרָחוֹת - זיי האבן אויפגעהערט צו גיין אויף די הויפט וועגן (שופטים ה, ו).

זיי האבן מורא געהאט צו רייזן צוליב די גויים וואס פלעגן זיי אפווארטן און אטאקירן פון אלע זייטן ביי די שאסייען. "ס'איז צו א גרויסע סכנה ארויפצוגיין קיין שילה," האבן זיי געזאגט.

איר זאלט נישט מיינען אז זיי האבן תיכף אויפגעהערט צו גיין. כלל־ישראל פונעם אמאל זענען געווען ענטוזיאסטישע מענטשן. זיי האבן געהאט אן שטארקע אהבה צו השי"ת. זיי זענען געווען אויף פיל א העכערער מדריגה פון אונז היינט. אפילו די בעסטע אידן היינט וואלטן זיך נישט געקענט פארגלייכן צו די אידן פון יענער צייט.

דערפאר האבן זיי נישט אויפגעגעבן. זיי האבן געטראפן הינטערוועגן צו פארמיידן די פלישתים ווען זיי האבן געדארפט פארן.

וְהֹלְכֵי נְתִיבוֹת יֵלְכוּ אֳרָחוֹת עֲקַלְקַלּוֹת - זיי זענען געגאנגען דורך זייטיגע וועגן, דורך "עקלקלות", פארקרומטע וועגן (שם).

אבער מיר פארשטייען אז ווען די שאסייען זענען סכנה'דיג, וועלן שטענדיג זיין די וואס וועלן זיך ארויסדרייען. ווען מענטשן זענען זיך מייאש פון טון א מצוה, נאך א שטיק צייט הערן זיי אויף. אזוי איז אויסגעקומען אז נאך א שטיק צייט איז די מצוה פון עלייה לרגל ארויס פון באנוץ.

כאטש דבורה און אבינועם האבן געוואונען די פלישתים און עס איז שוין געווען מעגליך ווידער ארויפצוגיין צו שילה, זענען מענטשן נאכאלץ געווען דערשראקן צו גיין. אדער אפילו זיי האבן נישט מורא געהאט, אבער איינמאל זיי האבן אויפגעהערט, האבן זיי נישט נאכאמאל אנגעהויבן.

געב נישט אויף איבער כלל ישראל

דער מדרש אין שמואל א' איז דאס מסביר מיט א פסוק. וְאַל תָּבוּז כִּי זָקְנָה אִמֶּךָ - מאך נישט אוועק דיין מאמע ווען זי ווערט אלט (משלי כג, כב).

"דיין מאמע" מיינט די אידן. צומאל ווערן די אידן אלט, און אפילו וויכטיגע געוואוינהייטן פאלן אוועק. עס זענען דא געוויסע תקופות אין אונזער היסטאריע ווען מיר זענען אפגעשוואכט געווארן, אזוי ווי מיר וואלטן געווען אלטע לייט. מיר האבן פארלוירן אונזער פייער, און דאס איז וואס ס'איז געשען צו זיי. דער מנהג פון גיין קיין שילה איז געווארן אלטמאדיש.

דאס זאגט שלמה המלך, מאך נישט אוועק נישט די אידן. געב נישט אויף. דאס אידישע פאלק איז קיינמאל נישט עכט אלט. מען וועט אייביג ווידער באנייען די אידן. אפילו אויב עס זעט דיר אויס אין דער מינוט אז דער מצב איז האפענונגסלאז, געב נישט אויף. מיט אביסל יגיעה קענסטו זיי אייביג צוריק אויפלעבן און צוריקברענגען צו דער תורה. דאס ווייזט אונז צו דעם וויכטיגן כאראקטער פון כלל־ישראל.

## חלק ב'

### דאס הויז ווערט באנייט

**אין** אנהייב פון שמואל א' לייענט מען איבער א געוויסן מענטש. וַיְהִי אִישׁ אֶחָד מִן הָרָמָתַיִם צוֹפִים מֵהַר אֶפְרָיִם - עס איז געווען א מענטש פון הר־אפרים, וּשְׁמוֹ אֶלְקָנָה - און זיין נאמען איז געווען אלקנה,

בֶּן־יְרֹחָם בֶּן־אֱלִיהוּא בֶּן־תֹּחוּ בֶן־צוּף אֶפְרָתִי.

דער פסוק גיט ארויס זיין אפשטאם און זאגט אונז, אפרתי. דאס מיינט אז ער איז געווען א וויכטיגע פערזענליכקייט, און ווי אזוי ער איז געווארן די וויכטיגע פערזענליכקייט, וועט מען שפעטער זען. יעצט וועלן מיר אפלערנען דעם פשוט'ן פשט. מיר וועלן זען וואס דער פסוק זאגט אונז איבער דעם מאן.

וְעָלָה הָאִישׁ הַהוּא מֵעִירוֹ - און דער מענטש פלעגט זיך פירן ארויסצופארן פון זיין שטעטל, מִיָּמִים יָמִימָה - יעדעס יאר, לְהִשְׁתַּחֲוֹת - זיך צו בוקן ביי שילה, וְלִזְבֹּחַ לַשֵּׁם - און צו שחט'ן דארט פאר'ן אויבערשטן.

וְעָלָה הָאִישׁ הַהוּא מִיָּמִים יָמִימָה מיינט אז אלקנה האט איינגעפירט א סיסטעם פון ארויפגיין קיין שילה אויף די שלש רגלים. "יעדעס מאל" מיינט, אן אנדערע וועג. (ילקוט שמעוני עז).

און דערפאר וואס ער האט געוואלט מאכן א דעמאנסטראציע איבער דעם, האט ער זיך נישט דורכגעשלייכט דורך א זייטיגן וועג, נאר איז דווקא געגאנגען פון די הויפט־וועגן, פארבייגייענדיג שטעטלעך און דערפער וואו ער האט איבערגערעדט די מענטשן אז זיי זאלן זיך צושטעלן צו אים.

ער איז געגאנגען מיט א גרופע מענטשן פון זיין שטאט, און וואו ער איז נאר אנגעקומען האט ער אויסגערופן, לְכוּ וְנַעֲלֶה אֶל־הַר־ה' - לאמיר ארויפגיין צום הויז פון השי"ת.

אזוי האט איין מענטש אליין מחזק געווען מענטשן ארויפצוקומען קיין שילה, און צוביסלעך זענען מער און מער גרופעס פון מענטשן געקומען קיין שילה. ביז ער האט מצליח געווען צוריקצושטעלן די מצוה פון עלייה לרגל צו איר אמאליגן גלאנץ.

און ווען ס'איז געקומען ערב יום־טוב האבן מענטשן געשטראמט פון אלע זייטן, אנפילנדיג די שאסייען. כלל־ישראל איז זיך צאמגעקומען, מארשירנדיג צום משכן מיט געזאנג און טענץ, ברענגנדיג זייערע קרבנות.

און נישט נאר די מצוה פון עלייה לרגל איז געווארן צוריקגעשטעלט, נאר דער לימוד וואס איז געווען אין שילה, אז עבודת השם איז דער צענטער פון אונזער לעבן. דער גלאנץ פונעם אידישן פאלק, וואס ווייסט אז עבודת השם איז דאס הארץ און נשמה פון יעדן איד, איז געווארן באנייט. און דאס איז צו פארדאנקען איין מענטש: אלקנה.

## דעם קומענדיגן דור

**די** מעשה האט זיך נישט אפגעשטעלט דא. ער איז באלוינט געווארן פאר זיינע מעשים. יעדער ווייסט די מעשה פון אלקנה'ס צוויי ווייבער, איינע פנינה וואס האט געהאט א שטוב מיט קינדער, און די צווייטע, חנה, וואס איז געווען קינדערלאז.

יעדעס יאר, ווען זיי זענען ארויף קיין שילה, פלעגט אלקנה געבן נאך א שטיקל פונעם קרבן פאר חנה, ער האט איר געוואלט דערפרייען, אבער חנה האט עס נישט געקענט עסן. זי איז געווען צו פארוויטאגט.

קענסט אריינקוקן דארט אין די פסוקים, וועסטו זען די גאנצע מעשה, אן אינטערעסאנטע מעשה איבער וועלכער מיר וועלן נישט מאריך זיין דא.

פארשטייט זיך אז חנה האט אויסגענוצט איר צייט אין שילה ווי עס דארף צו זיין. זי האט פארברענגט אין תפילה.

איינמאל, ווען עלי כהן גדול האט געזען ווי זי איז פארטיפט אין איר דאווענען, האט ער געמיינט אז זי איז שיכור. ער האט איר געזען שטיין דארט אן קיין ווערטער, נאר געיאמערט. אבער ווען ער האט אנגעהויבן צו רעדן צו איר, האט ער פארשטאנען אז זי דאווענט מיט א צעבראכן הארץ.

עלי הכהן האט איר געבענטשט אז זי וועט געהאלפן ווערן מיט א קינד, און השי״ת האט טאקע מקיים געווען די ברכה פון דעם צדיק. חנה האט געהאט א זון. שמואל הנביא איז געבוירן געווארן. זיין מאמע האט אים געהאדעוועט פאר א שטיק צייט, און דערנאך האט זי אים ארויפגעברענגט קיין שילה צו עלי הכהן.

״דא איז ער,״ האט זי געוויזן אויף איר קינד. ״איך וועל אים מקדיש זיין פאר עבודת השם.״

זי האט געוואלט אויספירן דעם נדר וואס זי האט געמאכט. ווען זי האט געבעטן פאר א קינד, האט זי צוגעזאגט אז זי וועט אים אפשיידן פאר עבודת השם. אזוי האט זיך אנגעהויבן די קאריערע פון שמואל הנביא.

נאכדעם וואס אלקנה איז נפטר געווארן, האט זיין זון פארגעזעצט צו שטייגן נאכמער. שמואל הנביא האט געהאט א לעבן פון עבודת השם.

צווישן די גרויסע זאכן וואס ער האט אויפגעטון שטייט, וַיִּשְׁפֹּט שְׁמוּאֵל אֶת־יִשְׂרָאֵל כֹּל יְמֵי חַיָּיו - און שמואל האט גע׳משפט די אידן אלע טעג פון זיין לעבן. דאס מיינט, ער האט זיי געפירט און געלערנט.

אוודאי האבן עס אלע שופטים געטון. דאס איז געווען זייער ארבעט, צו לערנען די אידן תורת השם. אבער אויף שמואל שטייט ארויסגעשריבן, ער האט גע׳משפט די אידן אלע טעג פון זיין לעבן.

דאס קומט צו ווייזן אז שמואל האט געווידמעט זיין לעבן פאר כלל־ישראל, זיי צו לערנען און געבן הדרכה ווי אזוי זיך צו דערנענטערן צו הקדוש ברוך הוא.

און דער פסוק זאגט אונז ווי אזוי ער האט עס געטון. וְהָלַךְ מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה - יעדעס יאר האט ער זיך געפירט ארומצוגיין און באזוכן אלע אידישע שטעט, וְסָבַב בֵּית אֵל וְהַגִּלְגָּל וְהַמִּצְפָּה - ער האט זיך געפירט צו מאכן א קרייז, באזוכנדיג אלע שטעטלעך און דערפלער, וְשָׁפַט אֶת יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל הַמְּקוֹמוֹת הָאֵלֶּה -און ער האט גע׳משפט די אידן אין די אלע פלעצער, וּתְשֻׁבָתוֹ הָרָמָתָה כִּי שָׁם בֵּיתוֹ - און דערנאך האט ער זיך צוריקגעקערט צו רמה, ווייל דארט איז געווען זיין הויז (שמואל א ז, טז-יז).

נישט אז ער איז זיך געזעצן ביי זיך אין שטאט און געווארט אז מענטשן זאלן קומען צו אים פאר הדרכה, נאר ער האט ארומגערייזט דאס לאנד צו אלע קהילות, גרויס און קליין. ער פלעגט זיך אפשטעלן שמועסן און אויספרעגן, ווי אזוי עס גייט ביי זיי; ווי אזוי איז דער עבודת השם? וואס טוט זיך מיט די קינדער? איז דא שלום־בית אין שטוב? ווי אזוי איז דער מצב אין אידישקייט?

דאס איז געווען א געוואלדיגע מסירת־נפש פון זיין זייט. ס׳איז נישט גרינג אויפצוגעבן די באקוועמליכקייט און זיין אונטערוועגנס, אבער שמואל האט עס געטון.

## די באוועגונג איז זיך צעוואקסן

**אלס** רעזולטאט פון שמואל׳ס ארבעט, איז פארגעקומען גרויסע ענדערונגען אין די אידן. אין די צוואנציג יאר וואס שמואל האט געפירט די אידן, איז געווארן א געוואלדיגע אויפוואכונג אין אידישקייט. אידישע קינדער האבן אנגעהויבן צו בענקען צו השי״ת.

ס׳שטייט, וַיִּהְיוּ עֶשְׂרִים שָׁנָה - אין די צוואנציג יאר איז געשען עפעס א גרויסע זאך, וַיִּנָּהוּ כָּל בֵּית יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי ה׳ - און גאנץ כלל־ישראל האט אנגעהויבן נאכפאלגן דעם אויבערשטן.

זיי האבן אייביג געבענקט צו השי״ת. אידישע קינדער האבן קיינמאל נישט פארלוירן זייער בליק פון דעם איינציגסטן ציל פון זייער עקזיסטענץ: צו דינען דעם אויבערשטן.

אבער אין די צייטן פון שמואל האט זיך אויפגעוועקט א גרויסע התעוררות און בענקשאפט צו השי״ת, און שמואל איז געווען דער וואס האט געגאסן אויל אויפ׳ן פייער וואס האט גורם געווען אז די בענקשאפט זאל זיך פארברייטערן.

און מען דארף וויסן אז שמואל איז נישט געווען דער סוף פון אלקנה׳ס השפעה. עס האט זיך נישט דארט אפגעשטעלט. אלס רעזולטאט פון שמואל׳ס מעשים, האט ער באקומען א מתנה פון השי״ת: א יונגער נאכפאלגער מיט׳ן נאמען, דוד.

דוד איז געווען א צדיק, אפילו אן שמואל. ער האט געהאט זיינע עלטערן וואס זענען געווען גרויסע לייט, אבער ער איז אויך געווען א תלמיד פון שמואל הנביא. שמואל האט גענומען דוד אונטער זיינע פליגלען און אים געהאדעוועט. ער האט אים געלערנט ווי אזוי צו זיין א מלך און אים אינספירירט. דוד האט פיל מקבל געווען פון אים!

## דוד׳ס אויפטוען

**מען** דארף פארשטיין אז ווען דוד איז אריינגעקומען אינעם בילד, איז דאס נישט געווען קיין צופאל. דוד איז געשיקט געווארן מן השמים, פונקט אין דער צייט ווען ער האט אויסגעפעלט. פונקט דאן, ווען דער דור האט דערגרייכט צו זיין הויכפונקט פון התלהבות, איז דוד געשיקט געווארן אויסצונוצן די שעת הכושר. און עפעס אויסערגעוועהנליך איז פארגעקומען אין יענער צייט: דער געזאנג פון תהילים איז פארפאסט געווארן.

דוד האט אנגעהויבן א סיסטעם פון שירים ותשבחות. ס׳איז געווען א נייער דרך ביי כלל־ישראל צו זינגען צו השי״ת. מיר זענען שוין צוגעוואוינט דערצו. מיר מיינען אז אזוי קומט עס, אבער משה רבינו האט נישט געזאגט קיין תהילים, אויך נישט יהושע, און קיינער פון די שופטים, כאטש זיי זענען געווען גרויסע צדיקים.

משה און יהושע האבן טאקע אויפגעפלאקערט אן התלהבות אין די אידן צו עבודת השם, אבער דא איז געשען עפעס אנדערש.

א געזאנג פון פייערליכקייט, תהילה לדוד, געזאנגען פון לויב דורך דוד איז געווארן פארפאסט. איבעראל האט מען אנגעהויבן צו זינגען די געזאנגען פון דוד, הערליכע ניגונים! דוד איז געווען נעים זמירות ישראל, דער זיסער זינגער פון די אידן. ער איז געווען א געלונגענער מענטש. ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הארפ. דו קענסט זיין זיכער אז זיינע ניגונים זענען געווען מייסטער שטיקלעך.

און די ווערטער?! יעדעס ווארט איז געווען טייער. מיר זענען שוין צוגעוואוינט צום תהילים. מיר ווייסן שוין אלעס איבער דעם, אבער אין יענער צייט איז עס געווען א נייע ערשיינונג, און מענטשן האבן זיך צוגעכאפט דערצו.

מענטשן האבן זיך אונטערגעזונגען די ניגונים בשעת זיי זענען געווען פארנומען ביי דער פעלד־ארבעט. אויך אינדערהיים האבן זיי געזונגען די לידער. ביי די שבת סעודות האבן זיי נישט געזונגען

״יום זה מכובד״, נאר זיי האבן געזונגען דוד׳ס זמירות.

אין אנהייב האבן נאר געזונגען די בני ציון, דוד׳ס אונטערטאנען וואס האבן מיטגעזונגען מיט אים. זיי האבן געמאכט א רינג ארום אים, און דער רינג האט זיך אויסגעצויגן. און ווען דאס התלהבות האט זיך פארשפרייט, האט דוד געקענט זאגן, זֶה דּוֹר דֹּרְשָׁיו - דאס איז דער דור פון די וואס זוכן אים, מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ - די וועלכע זוכן דיין פנים (תהילים כד, ו).

## די שטאט פון השי״ת

**עס** איז שווער צו זיצן דא אין אמעריקע און משיג זיין די לעבעדיגקייט וואס עס האט געהערשט אין יענער צייט. מיר זענען אלע גוטע אידן, און אוודאי געבן מיר אוועק א גרויסן חלק פון אונזער טאג פאר עבודת השם. אבער פאר אונז איז עס א חלק פון אונזערע פליכטן. ס׳איז אונז וויכטיג. מיר וועלן עס נישט אויפגעבן פאר קיין געלט ח״ו, אבער מיר האבן זיך אונזער פריוואטע לעבן, און עבודת השם איז א חלק דערפון.

אבער דאס וואס עס איז פארגעקומען ביי כלל־ישראל דעמאלטס איז אסאך מער פון דעם. דוד המלך האט געזען אז דער דור איז געוואקסן צו מדריגות פון התלהבות, האט ער זיי מחזק געווען ווייטער.

מען דארף באמערקן, ווען דוד האט אויפגעבויט ירושלים, האט ער עס געבויט אז עס זאל זיין אן עיר השם. דאס איז וואס עס איז געווען. ס׳איז נישט געווען ירושלים, ס׳איז געווען דער עיר אלוקינו, נאר אז דוד האט ערלויבט מענטשן זאלן זיך באזעצן דארט. אבער יעדער וואס איז געקומען דארט האט געוואוסט אז דער ציל פון דער שטאט איז השי״ת, און מען האט ערווארטעט פון זיי אז זיי זאלן גארנישט האבן אויף זייער געדאנק, נאר דאס.

במשך די יארן האבן מענטשן אנגעהויבן צו פארגעסן פון דעם, אזוי ווי יעדע גוטע השקפה וואס ווערט פארגעסן ווען מענטשן ווערן צוגעוואוינט דערצו, אבער אין אנהייב, אין דוד המלך׳ס צייטן, איז געווען א פייער וואס האט געברענט צווישן דעם גאנצן פאלק, א פייערליכע געטריישאפט וואס האט געברענט פון ירושלים.

## יעצט איז דער צייט פאר א בית המקדש

**מיר** האבן דא גאנץ כלל־ישראל אין די טעג פון דוד, ווי זיי בענקען צו השי״ת פון טיפן הארצן. זיי זענען געווען אזוי פול מיט התלהבות און דביקות, אז די צייט איז ענדליך געקומען פאר׳ן בנין בית־המקדש. דאס איז געווען דער קלימאקס.

מיר מוזן פארשטיין, דוד המלך האט זיך פארגעשטעלט אז דאס וועט זיין. נאך אזויפיל יארן פון גרויס דביקות וואס איז געווארן איינגעפלאנצט דורך שמואל הנביא, און דערנאך דורך דוד המלך, צו מחזק זיין דאס פאלק מיט מער און מער התלהבות, איז די צייט געקומען וואס דוד האט געזאגט. מיר מוזן יעצט בויען א בית־המקדש וואו אונזער גאנצע פאלק וועט דינען דעם אויבערשטן צוזאמען.

ווען דער בית־המקדש איז שוין ענדליך געשטאנען אין די טעג פון שלמה המלך, און דער גרויסער טאג איז אנגעקומען, ווען שלמה המלך איז געשטאנען אין ירושלים ארומגענומען דורך כלל־ישראל ביי דער חנוכת הבית, איינע פון די גרעסטע טעג פון אונזער היסטאריע, איז יעדער דארט געווען, אנשים נשים וטף, ווייל עס איז יעדנ׳ס תפקיד צו זיין אן עבד השם.

ס'איז געווען אזא גרויסע מעמד אז מען האט געגעסן אום יום כיפור! ווייל דער דבר השם איז געווען אזוי קלאר און דייטליך, אז זיי האבן עס אויסגעדריקט אין א סעודת יום כיפור, און דאס איז געווען על פי השם. שטעל דיך פאר א סעודות יום כיפור. דאס מיינט אז דאס איז געווען א גרעסערע כפרה ווי פאסטן אום יום כיפור.

השי"ת וואלט זיי נישט געלאזט עסן, נאר אויב דאס עסן איז אזוי ווי דער פאסטן. זיי האבן געפראוועט דעם חנוכת הבית אין בית־המקדש מיט דער גרעסטער מאס שמחה און דאנק צו השי"ת.

ענדליך האבן מיר דאס הייליג הויז, אונז מעורר צו זיין מער אין עבודת השם. מיר זענען יעצט איבערגעגעבן צו השי"ת מיט אונזער גאנצן הארץ! מיר וועלן נעמען דאס התלהבות און עס אהיימברענגען כדי צו מאכן אונזער שטוב א פלאץ פאר אהבת השם!

## חלק ג'

### אין דיין היים

**ווען** דאס גאנצע פאלק איז געשטאנען ביי דער חנוכת בית־המקדש מיט שלמה המלך, ווייס איך נישט אויב די מענטשן האבן באגריפן ווער עס האט גורם געווען דאס שלשלת פון דער גאנצער ערשיינונג. אבער ווען מיר קוקן צוריק, זעט מען קלאר אז עס האט זיך אנגעהויבן מיט אלקנה מיט יארן צוריק.

ווייל אין יענער צייט, ווען ס'ווען חלום איז פארווירקלעכט געווארן? איז עס געווען דער חלום פון שלמה המלך? זיכער. איז עס אויך געווען דער חלום פון דוד המלך? זיכער. שמואל הנביא? יא, אויך זיין חלום. אבער דער ערשטער וואס האט געהאט דעם ווייטן בליק איז געווען אלקנה. ער האט דאס אלעס אנגעהויבן. און וואו? אין זיין היים! דער בית־המקדש האט זיך אנגעהויבן צו בויען אינעם באשיידענעם הויז פון אלקנה!

### דערהויבן אין זיין היים

**מיר** דארפן נאכאמאל חזר'ן דעם פסוק וואס מיר האבן גערעדט אנהייב שיעור, וְעָלָה הָאִישׁ הַהוּא מֵעִירוֹ. דער מדרש שמואל ברענגט, ועלה האיש ההוא. נתעלה בביתו - ער איז געשטיגן אין זיין הויז.

דאס איז פארגעקומען צווישן די פיר ווענט פון זיין הויז. ער האט נישט געווארט אז איינער זאל אים דערהייבן מיט א פּאָסטן. וכל עלויו לא היה אלא משל עצמו - זיין גאנצע שטייגן איז געווען נאר דורך אים אליין.

אלקנה האט אנגעהויבן אין זיין הויז, וואו קיינער האט נישט געוואוסט פון זיין גרויסקייט. ער האט נישט געהאט מאסן מענטשן וואס זענען אים געקומען הערן. ער האט נישט געבויט דעם בית־המקדש און נישט פארפאסט דעם תהילים, אבער ער האט נישט געווארט ביז עס וועט אונטערקומען עפעס א געוואלדיגע געלעגנהייט. ווייל ער האט געוואוסט אז די געלעגנהייט איז אין זיין אייגענעם הויז.

ער איז געווען א בן עליה. ער האט אנגעהויבן ביי זיך, אין זיין פריוואטן הארץ, זיך צו דערנענטערן

צו השי"ת. ער האט געהאט זיינע ווייבער און קינדער וועלכע האבן געזען א מאן און טאטע וואס איז איבערגעפילט מיט אהבת השם, און דאס איז איבערגעפלאסן צו זיין בני בית.

## טוישן דער וועלט

**ווי** נאר א מענטש הייבט אן, העלפט אים דער אויבערשטער. אזוי האט זיך זיין דביקות צעשפרייט צו די שכנים ס'איז געווען נתעלה בחצירו - ער איז גרויס געווארן אין זיין הויף.

אלע מענטשן פון זיין גאס האבן אנגעהויבן איינצוזען זיין ווערד. אזוי האט זיך עס פארשפרייט איבער דעם אנדערן גאס, ביז זיין גאנצער געגנט האט זיך אפגעלערנט ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטן. מיין נישט אז ס'איז א קלייניגקייט. אויב איינער קען האבן אן השפעה אין זיין בנין, דארף ער זיין א פערזענליכקייט, און איבערמאכן א גאנצן געגנט איז א דערגרייכונג.

ער האט נישט געדארפט האלטן דרשות איבער שמירת שבת און תפילין, דאס איז וואס יעדער האט געטון. ער האט זיי מחזק געווען צו העכערע מדריגות. ער האט אריינגעלייגט א פייער אין זייער הארץ צו דינען דעם באשעפער.

ווען עס איז געקומען די צייט פון שלש רגלים האט ער צאמגענומען די אידן און ארויף קיין שילה עולה רגל צו זיין. זיי האבן געזונגען און געטאנצט מיט גרויס שמחה און געזאנג, מיטשלעפנדיג נאך און נאך אידישע קינדער.

## אונזער געלעגנהייט

**מען** דארף פארשטיין אז די מעשה איז נישט געזאגט געווארן סתם, נאר דאס דארף זיין א דוגמה פאר יעדן איד. יעדער איד איז געקומען אויף דער וועלט זיך צוזוכאפן צו יעדער געלעגנהייט צו שטייגן, און די בעסטע וואו מען קען ווערן נתעלה, איז די אידישע היים. און יעצט האסטו א געלעגנהייט צו פארשפרייטן דיינע השקפות צו די שכנים פון דיין בנין. אמת, יעדער איז פרום, אבער דאס איז נאר דער אנהייב פון עבודת השם.

ווי אזוי טוט מען עס? פארשידענע אופנים. קודם כל, מיט ברכות. מען מאכט ברכות מיט התלהבות און חשק, הויך אויפ'ן קול.

אין אידישע שטובער, נישט אזוי לאנג צוריק, איז מען געווען צוגעוואוינט אז די מאמע איז געשטאנען איבער'ן קינד ווי א משגיח און צוגעלייגט קאפ צו דער ברכה פון קינד. קיינער האט זיך נישט געקענט ארויסדרייען מיט אן אפגעכיפערטער ברכה. די מאמע האט זיך צוגעהערט צו דער ברכה און געענטפערט "אמן", צוזאמען מיט יעדן איינעם.

ווען מען האט זיך געזעצט צום טיש, האט מען געמאכט המוציא וואס האט אפגעקלונגען אינעם גאנצן צימער. מען האט געדאנקט דעם באשעפער פאר דעם קליינעם שטיקל ברויט. אין פיל הייזער איז נישט געווען מער פון דעם.

אויב איינער האט געהאט אסאך ברויט, האט ער געהייסן אן עושר. אין אנדערע הייזער האבן קינדער נישט געקענט בעטן נאך א שטיקל ברויט. די אמאליגע אידן געדענקען עס, אבער מען האט זיי אויסגעלערנט צו זיין דאנקבאר אויף וואס מען האט יא.

## הכרת הטוב

**מען** דארף אויסלערנען די קינדער צו דאנקען דעם באשעפער אויף יעדער זאך וואס ער גיט אונז. אין יעדן שמועס אין הויז דארף מען ארויסברענגען די חסדים פון באשעפער, און א גאנצן טאג דארף מען הערן, "ברוך השם..." נישט ווי מען זאגט עס פון געוואוינהייט, אין אונזער הויז מיינט מען עס.

לערנט מיט די קינדער, זאג. "יעדער צוזאמען, אויבערשטער, מיר האבן דיר ליב!" און אלע קינדער זאגן נאך ווי אין א קאר.

אזוי פלאנצט מען איין א קערענדל אין זייער מח אויף שטענדיג. יעצט ביזטו שוין אן אנדער מענטש.

ווי אזוי בענטשט מען? אידן אמאל האבן נישט סתם געבענטשט, נאר זיי האבן געדאנקט השי"ת אויף די עסן. מען האט ארויסגענומען א גרויסן סידור וואס מען האט גענוצט פאר דעם צוועק, אפילו, פארשטייט זיך, מען האט עס געקענט אויף אויסנווייניג.

בענטשן איז געווען א צערעמאניע, הננו מוכן ומזומן... מיט'ן גאנצן ברען. דאס איז געווען א שטוב פון עבודת השם. דורכ'ן זאגן ברכת המזון מיט כוונה זענט איר שוין א נתעלה בביתו.

## אלעס צו פארדאנקען די מאמע

**יעדע** פרוי אין איר פריוואטער שטוב קען, אויב דינט זי דעם באשעפער, שטייגן. דו ווייסט, דוד המלך'ס מאמע איז צו פארדאנקען אויף דעם וואס דוד איז געוואקסן דער מנהיג ישראל. ער האט געזאגט, אֲנִי־עַבְדְּךָ בֶּן־אֲמָתֶךָ - איך בין דיין קנעכט, דער זון פון דיין דינסט.

זי האט נישט געהאט קיין ישיבה. אין איר קאך איז זי נתעלה געווארן. ווען דוד איז אלס קליין קינד ארייגעקראכן אין קאך, פלעגט זי אים מחזק זיין און רעדן ווארעמע דיבורים. אזוי איז ער אויפגעוואקסן.

אני עבדך, האט דוד געזונגען צו השי"ת. דו ווייסט פארוואס איך בין דיין קנעכט? ווייל איך בין דער זון פון דיין דינסט. זי האט דיך געדינט אין איר שטוב, אין איר קאך, ווען איך בין געווען א קליין קינד. פיל פרויען זענען נתעלה געווארן אין זייער ווינקל פון זייער שטוב נאר דורך האדעווען אידישע קינדער, און עס איז נישט דא קיין גרעסערס פון דעם.

צומאל קען איך באקומען א טעלעפאן קאל פון פרויען וואס רעדן זיך אפ אז זיי שפירן נישט קיין סיפוק אין זייער ארבעט. דער אמת איז אז עס קען זיך אויך מאכן צומאל אז מענער וואס הארעווען אין חדושי תורה שפירן אויך נישט קיין סיפוק, ווייל זיי ווייסן נישט פאר ווען זיי טוען עס.

א פרוי וואס פארגעסט פאר וועמען זי ארבעט, אוודאי שפירט זי זיך אומצופרידן. דו דארפסט געדענקען, דו האדעוועסט א לעבעדיגן ש"ס! א מאמע אין איר היים צעשפרייט תורה אויף דער וועלט!

איינמאל א מענטש פארשטייט זיין תפקיד הייבט ער אן אריינצולייגן אין זיין שטוב אלעס וואס ער פארמאגט. ער מאכט זיכער צו לערנען תורה, טון מצוות, און אזוי איז ער אויך מחנך זיינע קינדער. אויף דעם אופן קען ער זיך בויען זיין אייגענעם משכן לה'.

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה
**ווי אזוי איז מען מסביר דעם ערשיינונג פון אומרעליגיעזע עלטערן וואס האבן צומאל א פרומער קינד אדער פארקערט?**

## תשובה

דער ענטפער איז ווי פאלגענד: מען איז עס מסביר מיט דער יסוד אז הקדוש ברוך הוא האט אונז געזאגט: "החיים והמות נתתי לפניך", איך געב דיר אן אויסוואל פון לעבן אדער טויט" ובחרת בחיים", און וועל אויס לעבן! דאס איז א דערקלערונג פון באשעפער אז עס איז דא א בחירה אין דער וועלט.

דער פאקט אז א מענטש איז געבוירן געווארן צו אומוואוסענדע אדער אומרעליגיעזע עלטערן, מיינט נאך נישט אז ער קען נישט ווערן א גרויסער צדיק. אויב ער וועלט דאס אויס וועט אים דער אויבערשטער נישט אפהאלטן. און אזוי אויך פארקערט, דער פאקט אז א מענטש איז געבוירן אין א שטוב פון גרויסע צדיקים מיינט נישט אז ער וועט זיין א צדיק. יעדער דארף מאכן זיין אייגענעם ביזנעס צו זיין דאס בעסטע וואס ער קען זיין.

דעריבער, ווען דו זעסט אזא ערשיינונג איז עס אוודאי א טראגעדיע. ווען די קינדער פון צדיקים גליטשן אראפ, קען אפילו זיין אז מען וועט באשולדיגן די עלטערן אז זיי האבן נישט אריינגעלייגט גענוג כוחות אים צו מחנך זיין, אבער ווען דאס געשעט שרייט ארויס דער כח פון בחירה.

יעדער קען זיך טוישן! און יעדער קען זיך אינגאנצן איבערטוישן! דעריבער, אזוי לאנג ווי א מענטש לעבט איז נאך אלץ דא א האפענונג. דאס איז איינע פון די לימודים וואס מען לערנט זיך ארויס ווען מען זעט ווי קינדער זענען אנדערש ווי זייערע עלטערן.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**